**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטיצענדיג ערשטע ריספאנדער: גאווערנער HOCHUL שטרייכט אינטער סטעיט באמיהונגען צו באשיצן פייער פייטער דורכאויס פייערלעשער קענסער אויפוואכונג מאנאט**

***סטעיט דיקאנטעמינעישען פראטאקאלן פארמינערן פייערלעשערס' אויסשטעלונג צו גיפטיגע קאנטאמינאנטס מיט 85 פראצענט***

***גאווערנער Hochul ברענגט אריין לעגיסלאציע צו פארבאטן די פארקויף פון פייערלעשער געצייג וועלכע ענטהאלט PFAS פארמינערענדיג אויסגעשטעלטקייט צו שעדליכע קאנטאמינאנטס און פארמינערט געזונטהייט ריזיקעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אינטערגעשטרייכט די באמיהונגען פונעם סטעיט'ס אפיס פון פייער פארמאדונג און קאנטראלס (Office of Fire Prevention and Control) פראטאקאלן וועלכע צילט צו באשיצן ניו יארק'ס פייערלעשער און זייער פאמיליעס דורכאויס פייער פייטער קענסער אויפוואכונג מאנאט. שטודיעס האבן געוויזן אז פייערלעשער האבן העכערע אויסזיכטן צו באקומען קענסער ווי די אלגעמיינע פובליק, הויפטזעכליך צוליבן ווערן אויסגעשטעלט צו הויכע שטאפלען פון גיפטיגע כעמיקאלן וואס געפונען זיך אין די רויעך פון געביידע פייערן. אלץ טייל פון די 2025 סטעיט פון די סטעיט, גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאלדן פרישע לעגיסלאציע צו פארבאטן די פארקויף פון פייערלעשער געצייג וועלכע ענטהאלט ארויסקומעדיגע קאנטימינאנטס פער- און פאליפלואראלקיל סובסטאנסן אדער PFAS אין ניו יארק סטעיט צו פארזיכערן אונזער פייערלעשער האבן צוטריט צו די העכסטע קוואליטעט און זיכערסטע באשיצונג געצייג פארהאנען ווען פארמינערענדיג די פאטענציאלע פובליק געזונטהייט און ענוויראמענטאלע ווירקונג פון די קעמיקאלן.

"האלטענדיג אונזער סטעיט'ס פייערלעשער באשיצט ווען זיי לייגן זייער לעבענס אויף די ליניע צו באשיצן די מענטשן און געמיינדעס איבער ניו יארק איז פשוט קריטיש, און אונז וועלן ווייטער פארזעצן צו טוהן אלעס אונז קענען זיי צו באשיצן פון די שעדליכע גיפטיגע כעמיקאלן זיי טרעפן זיך מיט אויף די דשאב." **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט,** "איך וועל ווייטער זיכער מאכן אונזער פייערלעשער און ערשטע ריספאנדער האבן אלע געצייג און רעסארסן זיי דארפן זיך צו באשיצן ווען זיי ארבעטן צו באשיצן זייער געמיינדעס."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישאנער Jackie Bray (דשעקי בריי) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פייערלעשער לייגן זייער לעבען'ס אויף די ליניע צו האלטן אונזער געמיינדעס און באליבטע זיכער יעדן טאג. זיי העלפן פארמינערן זייער אויסגעשטעלטקייט צו די קארסינאגענס וועלכע זיי טרעפן אן ווען טוהן זייער ארבעט איז קריטיש. אונזער פארפליכטונג זיין צו העלפן פארמינערן זייער ריזיקע פון ווערן אויסגעשטעלט און פארזיכערן אז זיי האבן די וויסנשאפט און רעסארסן זיי דארפן צו זיך באשיצן, וועט אייביג זיין א העכסטע פריאריטעט."

צו פארזיכערן ניו יארק'ס פייערלעשער זענען נישט נאר באקאנט איבער דעם דראונג נאר ווייזן אויך וויאזוי צו באגרעניצען זייער אייגענע ריזיקע, סטעיט פייער באאמטע האבן אנטוויקלט איינפאכע פראטאקאל פאר דיקאנטעמינעיטינג פייערלעשער געצייג נאכפאלגענדיג אן אמערדשענסי אנטווארט און טוהן פארזעצן צו אנבאטען טרענירונג און עדוקאציע איבער די סטעיט צו פראמאטירן זייער באנוץ דורך פייערלעשער. זייט 2002 מער פון 3,200 סטודענטן זענען אריבערגעאנגען טרענירונג איבער ניו יארק סטעיט.

פארש האט געוויזן אז פייער סערוויס מעמבערס קענען נעמען איינפאכע און ביליגע שריט צו פארמינערן זייער אויסגעשטעלטקייט צו גיפטליכע כעמיקאלן און אנדערע קארסינאגענס מיט ביז 85 פראצענט דורך די טורנאוט געצייג דיקאנטעמינעישען פראצעס, נוצענדיג סאניטאציע ווייפס צו די געזיכט און הענט ווען אויף די צענע פון א פייער, און גיין אין שאווער נאך א פייער. די מאסנאמען טוהן אויך דינען צו באשיצן זייער פאמיליעס דורך פארמינערן אומוועלענדיגע אויסגעשטעלטקייט נאכן אהיים קומען פון די סטאנציע נאך א שיפט אדער אנטווארט.

סטעיט פייער באאמטע ארבעטן צוזאמען מיט קאונטי פייער קארדינירער איבער די סטעיט צו פלאנען פייערלעשער קאנטעמינעישען פארמינערונג און קענסער פארמיידונג קלאסן. דורכאויס די טרענירונג פראגראמען, סטעיט פייער אינסטרוקטורן טיילן אויס פייערלעשער דיקאנטעמינעישען קיטס צו באטייליגער. ביי יעדע סעסיע, פייערלעשער זעהן א לעבעדיגע דעמאנסטראציע פון די דיקאנטעמינעישען פראטאקאלן, אן עדוקעישענעל ווידיא וועלכע דעטאלירט די ריזיקעס צו פייערלעשער און האבן א געלעגנהייט פאר א פראגע און ענטפער סעסיע מיט PFPC באאמטע. די קיט ענטהאלט אינפארמאציע אויף דיקאנטעמינעישען גלייך נאך אינצידענט אנטווארט און זאכן אזוי ווי א פינעף-גאלאן שיסל, נאך-פייער ווייפס, האוז, דיטערדשענט, בערשטעל און ספרעי באטל. זייט 2003 מער פון 1,100 ניו יארק סטעיט פייער סטאנציעס האבן באקומען דיקאנטעמינעישן קיטס. אין צוגאב, OFPC טוט פארברייטערן איר פלאן פון פייערלעשונג קלאסן און טרענירונגען צו אריינעמען א טייל אויף קענסער אויפוואכונג און פארמיידונג עדוקעישען.

**סטעיט פייער אדמיניסטראטאר James Cable (דשעימס קעיבל) האט געזאגט,** "די טרענירונג האט די ציל צו העכערן אויפוואכונג איבער די קענסער ריזיקעס פייערלעשער זענען אויסגעשטעלט צו און צושטעלן איינפיכע טריט פייערלעשער קענען נעמען צו פארמינערן די ריזיקעס צו זיך אליין און זייער פאמיליעס. אונזער ציל איז צוצושטעלן א דיקאנטעמינעישען קיט פאר יעדער פייער סטאנציע אין די סטעיט."

אויב פייערלעשונג טורנאוט געצייג איז נישט ריכטיג דיקאנטעמינעיטעד נאך א פייער, פייערלעשער ריזיקירן אויסשטעלן שעדליכע כעמיקאלן צו זייער פייער הייזער און היימען, פאטענציאל שעדיגען מיטארבעטער און פאמיליע מיטגלידער. לויט צווי סטודיעס אנגעפירט דורך די נאציאנאלע אינסטיטוטיע פאר באשעפטיגונג זיכערהייט און געזונטהייט ( National Institute for Occupational Safety and Health (NIOSH)) פייערלעשער ווערן יעצט דיאגנאזירט מיט קענסער ביי א באלד 10 פראצענט העכערע ראטע ווי די אלגעמיינע פובליק און מאכן מיט קענסער-פארבינדענע טויטפעלער ביי א באלד 15 פראצענט העכערע ראטע.

צו קאמבאטירן די טרענדס, DHSES און OFPC האבן אוועקגעשטעלט איינפאכע, ביליגע, פראטאקאלן וועלכע וועלן גין א ווייטע וועג און באגרעניצן פייערלעשער'ס אויסגעשטעלטקייט צו שעדליכע כעמיקאלן אפטמאל געטראפן אין רויער.

אויב אויסגעשטעלט דורכאויס אן אנטווארט, פייערלעשער זאלן:

- אויספירן אויפן צענע גראָס דיקאָנטעמינעשען, אפשטעלן די אויסגעשטעלטקייט, אפשטעלן די פארשפרייטונג פון קאנטאמינאטס צו די געצייג און סטאנציע.
- ווען אויפן צענע, נוצן נאך-פייער ווייפס צו פארמינערן אויסגעשטעלטקייט.
- גיין אין שאוער די שנעלסטע מעגליך און אנטוהן פרישע קליידער.
- וואשען געצייג און אפאראטוס נאך פייערס.
- טראנספארטירן געצייג אין נאן פאראס קאנטעינערס אזוי ווי א דורכזיכטיגע גארבעדש בעג.
- אנטוהן נאר ריינע גיער, אריינגערעכנט הוד.

פייערלעשער אינטערסירט אין באטייליגען אדער האלטן אין עדוקעישענעל סעסיע קענען זעהן די סטעיט אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל'ס טרענירונג קאלענדער אדער זיך פארבינדען מיט זייער קאונטי'ס פייער קאארדינירער.

אלץ טייל פון די 2025 סטעיט פון די סטעיט, גאווערנער Hochul (האָקול) האט געמאלדן פרישע לעגיסלאציע צו פארבאטן די פארקויף פון פייערלעשער געצייג וועלכע ענטהאלט ארויסקומעדיגע קאנטימינאנטס פער- און פאליפלואראלקיל סובסטאנסן (PFAS) אין ניו יארק סטעיט צו פארזיכערן אונזער פייערלעשער האבן צוטריט צו די העכסטע קוואליטעט און זיכערסטע באשיצונג געצייג פארהאנען ווען פארמינערנדיג די פאטענציאלע פובליק געזונטהייט און ענוויראמענטאלע ווירקונג פון די קעמיקאלן. זיך צו פארזיכערן, פייערלעשער פארלאזן זיך אויף ספיציאליזירטע באשיצונג געצייג אנטוויקעלט צו אויסשטיין עקסטרעמע טעמפעראטורן און צוריקהאלטן וואסער און אויל. צום באדויער, האט די גאר וויכטיגע עקוויפמענט געהאט אין זיך פאר יארן די לעצטנס אנערקענטע געפארפולע perfluoroalkyl און polyfluoroalkyl כעמיקאלן (per-and polyfluoroalkyl substances, PFAS). נייערע באווייזן האבן אויפגעדעקט די פאטענציאלע סכנות פון זיין אויסגעשטעלט צו PFAS, ארויפברענגענדיג זארגן איבער די לאנג-טערמיניגע געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע פייערלעשער, אפילו אזוי ווי מיר זעצן פאר צו באגרעניצן די כעמיקאלן פון ארויסגעלאזט ווערן אין ניו יארק'ס לופט, לענדער און וואסערן. די לעגיסלאציע וועט אריינגיין אין קראפט אין 2028.

**איבער די סטעיט אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל**
די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל שטעלט צו א ברייטע רייע פון וויכטיגע סערוויסעס פאר פייערלעשער, עמערדזשענסי מאנשאפטן, סטעיט און לאקאלע רעגירונג אגענטורן, פובליק און פריוואטע קאלעדזשעס און פאר די בירגער פון ניו יארק צו העלפן פארזיכערן די זיכערהייט פון אלע פארמישטע קערפערשאפטן. OFPC טוט פארשטערקערן פובליק זיכערהייט דורך פייערלעשער טרענירונג, אויפקלערונג, פייער פארמיידונג, אויספארשונג, ספעציעלע אפעראציעס און טעכנישע רעטונג פראגראמען.

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף Twitter אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###